מציק

RED BRICK SHKOLA

חנה ביטש (צווילך) רמת־גן — ישראל

## דער מאַרק

SQUARE

אַ פיר קאַנטיקער גרויסער פלאַץ איז עס געווען. אין אמתן איז עס נישט אַזוי פירקאַנטיק ווי מען מיינט, ווייל ס׳האָבן זיך פון אים געצויגן גאסן אויף לינקס און אויף רעכטס. בלויז אויפן ערשטן אויגנבליק האָט מען געקענט זאָגן, אַז ס׳איז אַ קוואַדראַט. אָט דעם פלאַץ האָט מען זעט אויס פון דור־דורות גערופן „דער מאַרק".

PUMP

דער סטראַטעגישער פונקט אויף דעם פלאַץ, איז געווען דער פלימפ אין מיטן מאַרק, וואָס איז געווען דער קוואַל פון פריש וואַסער. אַמאָל האָט מען דערציילט, זיינען געווען בלאָטעס אַזעלכע גרויסע, אַז ס׳איז אַריין אַ פור מיט אַ פאָר פערד זיינען זיי געבליבן שטעקן. און ביינאַכט, דאָס מיין איך אַ לבנה־נאַכט, האָט אַזוי די לבנה געגלאַנצט אין דער בלאָטע און אָפגעשפיגלט זיך פונקט ווי ס׳וואָלטן געווען נישט קיין ערד און הימל נאָר צוויי הימלען מיט צוויי לבנות.

MUD

נאָר דאָס איז געווען אַמאָל. אַמאָל אין אונדזער זיידנס צייטן. אין אונדזער צייט, האָט שוין אויסגעזען אַנדערש. אַפילו אויכן מאַרק זיינען שוין מער קיין „פשעקופקעס" נישט געזעסן. די בלאָטע אין מיטן, איז געווען ברוקירט. אַרום דעם מאַרק הייזער מיט געוועלבן, מיט שניט און שפייז און אייזן און וואָס איר ווילט נאָר. און פון אַ ווינקל קוקט ארויס די רויטע געמויערטע „שקאָלע" וואָס מען האָט זי נאָך זיכער אין די צייטן פון צאַר געבויט, אָבער שיין איז זי געווען. עפּענען

EARLY MORNING

דעם מאַרק פלעגן יעדן טאָג די וואַסערטרעגער. נישט זייער אינטעליגענץ האָט דאָס געמאַכט, אַז זיי האָבן זיך באַגריסט דערלאַנגענדיק די האַנט, נאָר פשוט, דער פלימפּ האָט קיין אַנדערע שפּראַך נישט פאַרשטאַנען. ווי נאָר מען האָט אים אַ דריק געטאָן די האַנט, האָט ער געענטפערט מיט אַ פולן מויל. און אַלע זיינען אַוועק פון אים צופרידן. קיינעם חלילה נישט באַליידיקט.

יידן פלעגן זיך איילן, לויפן גאַנץ פרי צום דאַווענען. אַהין און צוריק אין גרעסטן טייל דורכגעלאָפן דעם מאַרק.

OPENS

ס׳הויבן זיך אָן צו באַווייזן אָפענע געשעפטן. מען קוקט אויס אַ „פּאַטשאַנטעק" (אַן ערשט לייזונג) — מען איז מיך איבערגעגאַנגען מיט פולע וויאַדרעס וואַסער — רימט זיך איין קרעמער פארן צווייטן ביים גוט מאָרגן אים זאָגן. — נו — ענטפערט יענער — מעגט איר שוין וואַרטן אויף אַ גוטן „פּאַטשאַנטעק"...

אַזוי פלעגט עס זיין סיי זומער סיי ווינטער. אין די היצן, רעגנס אָדער גאָר שנייען און פרעסט, פלעגן יידן זיצן אין די קראָמען, וואַרעמען זיך מיט די פייערטעפ און וואַרטן אויף דעם ערשטן קונה און פאַרשטענדלעך נאָכן ערשטן, וואַרט מען אויפן צווייטן, דריטן, א.אז״וו.

אָבער נישט שטענדיק איז געווען אַזוי אומעטיק. גאָט האָט געגעבן אַ מיטוואָך אין מיטן דער וואָך און דאָס איז טאַקע געווען דער „יאַריד״, דער מאַרקטאָג. דעמאָלט האָט דער מאַרק אויפגעלעבט, אויפגעוועקט זיך פון שלאָף. פול געפּאַקט איז ער געווען מיט וועגענער, פערד און גויאים, וועלכע זיינען געקומען פון דאָרף צו פאַרקויפן זייערע סחורות. אַלץ איז געווען אויף די פיס. דער גאַנצער מאַרק האָט געקאָכט פונקט ווי אין אַ קעסל.

דער רויש פון די מענטשן מישט זיך אויס מיטן קרייען פון די העגער, הינער, גודאַקען פון די קאַטשקעס און שרייען פון די קינדער. ס'איז פריילעך אויפן מאַרק. ווער עס פאַרקויפט און ווער עס קויפט. און ווער סתם עס קוקט אַהין און אַהער. און ווער עס גאַפעט זיך אויפן טישל ווי „וואָלאָשין״ לייגט שנעל די צוקערלעך אויף לינקס און רעכטס „פאַראַ ניע פאַראַ״ („אַ פּאָר מישט נישט קיין פּאָר״) אומעטום זיינען פול די קראָמען. מענטשן ווי מוראַשקעס. נאָר איין זאַך האָב איך קיין מאָל נישט געקענט ליידן — די חזיר־שלעגער. דער רויך פלעגט שטיקן אין האַלדז יעדן ייד וואָס פלעגט פאַרבייגיין דורך זיי. אַזוי איז דורך דער רוישיקער מיטוואָך־טאָג און ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט.

דער מאַרק האָט זיך אָפּגעליידיקט פון די מענטשן און פון אַלץ וואָס ס'איז אויף אים געשטאַנען אָנגעשטעלט. ער האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט. ער איז דאָך געווען אַ רואיקע נאַכט. אַלעמען גאַרפּט געדאַרפט טראָגן אויף די פּלייצעס... צוגעפאַלן איז די רואיקע נאַכט. אַלץ האָט גערוט — דער מאַרק אויך.

דער פרימאָרגן האָט ווידער געברענגט די ערשטע פייגל אויפן מאַרק.

און דער אַלטער פלימפּ האָט ווידער מיט אַן אָפן מויל יעדן צופרידנגעשטעלט, ווער ס'האָט צו אים אַ האַנט אויסגעשטרעקט.